**והשמונה ועשרים** און דס אכט און צוואנציגסטע איז חשבון האדם עם נפשו דר מענטש זאל בייא זיך טראכטין אחר בטחונו באלהיו נאך דעם אז ער האט זיין בטחון אויף גאט גישטעלט ומסרו אליו את נפשו און האט אים איבר גיענטפערט זיין לייב ואת ממונו ובניו און זיין געלד און זיינע קינדער און אלץ וואס ער האט אין זיין אייגנס האט ער זיך נאר פאר לאזט אויף גאטס פירונג כשישתנה עניניו ווען דער נאך ווערט פאר ענדערט זיין פירונג ויגזור הבורא כו׳ און דר באשעפר וועט אויף אים גוזר זיין אזעלכס וואס איז ניט נאך זיין ווילן שיחשוב בנפשו זאל ער בייא זיך זעלבסט טראכטן שאדם נתן לחבירו במתנה כו׳ ווען איינער שיינקט זיין חבר א מתנה א הויז אדער א פעלד ואח״כ עלה בלב מקבל המתנה און דער נאך איז גיפעלן דעם וואס הט בקומן די מתנה ער זאל דס הויז צו ווארפן ולבנותו על ענין אחר און זאל עס בויען אויף אנגדר מאניר או לשנותו מעניינו הראשון אדער ער זאל עס פר ענדרין פון זיין ערשטן גישטאלט היש מן הדין לנותן אותו לו כו׳ גיהער דען דער וואס האט אים עס גישאנקט צו ברוגז אויף דעם וואס יענר מוט אין דער שטוב דס ער בויעט זיא איבר וידאג על שנותו מעניינו און זאל זיך זארגן אויף דעם וואס ער האט זיא פר ענדערט פון איר ערשטן גישטאלט

לו הבית או השדה , וכן אתה אחי אם התנדבת בנפשך ובממונך לאלהים אל תאכל על
מעשהו כך כרצונו והנהגתו אותך כחפצו ואם איננו טוב לך בנראה ממנו, אבל ראוי לך
שתנוח דעתך עליו ותסמוך על הנהגתו המעולה וגזרת דינו ואל תחזור במה שנתת לו
משלך כמו שאתה סבור ואל תראה הצער בעת גזר דינו עליך כ"ש שאתה אחד מיצוריו
והוא יוצרך ומטריפך ומנהיגך בטוב לך בגלויך ובנסתרך ואם נעלם ממך הדבר כמו שאמר
(הושע י"א) ואנכי תרגלתי לאפרים קחם על זרועותיו ולא ידעו כי רפאתים :
והתשעה ועשרים שיתבונן יתרון נפשו על גופו ויכיר יתרון קצת בני אדם על קצתם
עד שאדם אחד שקול כנגד אלף בני אדם וידע כי יתרונו אינו מכחות

## מרפא לנפש

והשמונה ועשרים כו' ואל תחזור מה שנתת כו' כמו שאתה סבור כי אין ספק שהאמת שאתה וכל אשר לך הוא שלו
ית' ופשיטא שלא תוכל להתרעם שלא אף גם לפי דעתך שבכלל הוא שלך אך מאהר בבטחה על ה' ומסרת בכל
לידו ראוי ג"כ שלא תתרעם על מעשהו כי כל אשר יתחן ועשה ית' במתנתו כמבל כאדם המקבל מתנה : ואם נעלם ממך
אע"פ שנעלם ממך מה כוונת ה' ית' בזה :
והתשעה ועשרים כו' ויכיר יתרון קצת ב"א כו' כמ"ש חז"ל שקול משה כנגד כל ישראל ופינחס כנגד י"ב אלף ואליר

נישטאלט גיהער ער דאך זיך בוודאי גאר ניט מצער זיין אויף דעם אחר שמסר לו הבית ווייל ער
האט יענעם דם הויז אדר דם פעלד איבר גיענטפערט אין זיין רשות מעג יענר דאך טאן דר מיט וואס
ער וויל וכן אתה אחי אונ אזו מיין ברודר גייט עס מיט דיר אויך אם התנדבת בנפשך אויב דו וועסט
דיינקען אז דוא האסט דיך באוויליגט מיט דיין לייב אונ מיט דיין געלד אונ האסט עס איבר
גיענטפערט צו גאט אויף זיין פירונג אל תאכל על מעשהו גיהערסטו ניט צו טרויערין ווייל ער טוט
מיט דיר וויא זיין ווילן איז והנהגתו אותך כחפצו אונ פירט דיך נאך זיין בגער נאך ואם איננו טוב לך
אונ ווען אפילו וויא דיר ווייזט זיך אויס איז עס ניט גוט פאר דיר גהערסטו דיך פארט ניט מצער
זיין אבל ראוי לך שתנוח דעתך נייערט עס איז ראוי צו דיר דוא זאלסט מאכן רוען דיין דעה אויף
זיין פירונג ותסמוך על הנהגתו אונ דו זאלסט זיך סומך זיין אויף זיין גוטע הנהגה האטשע דיר דאכט
זיך עס איז ניט גוט בדארפסטו וויסן אז דם וואס ער טוט איז אלץ דיר לטובה אונ נעם אן פר ליב
וואס ער האט אויף דיר גוזר גיוועזן מיט זיין דין ואל תחזור במה שנתת כו' אונ זייא ניט חוזר אויף דעם
וואס דו האסט אים גיגעבן פון דיינם דם הייסט וואס דו האסט זיך צו אים אין גאנצן איבר גיענטפערט
כמו שאתה סבור אזו וויא דוא מיינסט אז עס איז אלץ דיין אייגנס נאר דו האסט דאס אלץ איבר
גיענטפערט צו גאט זייא דר פון ניט חוזר כלומר צום אמת ביסטו דאך מיט גאר וואס דו האסט אלץ
דיינס גיהערסטו דאך בוודאי ניט מתרעם זיין אויף זיין פירונג וויא ער פירט דיך נאר אפילו וויא דו
מיינסט שוין אז עס איז דיין אייגנס נאר דוא האסט עס אלץ צו אים איבר גיענטפערט זיי פארט
דר פון ניט חוזר אונ זייא ניט מתרעם אויף זיינע מדות ואל תראה הצער כו' אונ זעה ניט אויף
דעם צער אין דר צייט אז זיין גזר דין גייט איבר אויף דיר לאז דערנבאלט דר צער בייא דיר גאר
ניט גיאכט זיין כל שכן שאתה אחד מיצוריו אונ מכל שכן דו ביסט דאך אייגר פון זיינע בשעפניש
והוא יוצרך ומטריפך אונ ער האט דיך בשאפן אונ שפייזט דיך ומנהיגך בטוב לך אונ פירט דיך צו
דיין גוטן בגלויך ובנסתרך אין דיינע אנפלעקטע אונ פר בארגנע זאכן איז דאך שוין אפשיטא אז
דו האסט ניט מתרעם צו זיין אויף זיין פירונג וויא ער פירט דיך ואם נעלם ממך הדבר אונ האטשע
די זאך איז פון דיר פאר הוילן דוא פר שטייסט ניט וויא ארום עס איז דיר דר פון אטובה פון
דעסט וועגן איז דס בוודאי צו דיר אטובה וויא הושע הנביא האט גיזאגט ואנכי תרגלתי לאפרים
אונ איך האב גפירט צו אפרים קחם על זרועותיו אונ האב זייא גינומען בייא זייער ארום ולא ידעו כי
רפאתים אונ זיי האבן ניט גיוואוסט אז איך האב זייא גיהיילט :
והתשעה ועשרים אונ דם ניין אונ צוואנציגסטע איז שיתבונן יתרון נפשו על גופו ער זאל פר שטיין
וויא זיין נשמה איז בעסר פר זיין גוף ויכיר יתרון קצת בני אדם כו' אונ זאל דר
קאנען דם איין טייל מענטשין זיינן בעסר אז די אנדרע עד שאדם אחד שקול כו' ביז עס גיפינט זיך
אז איין מענטש איז גלייך אז אנדרע טויזנד וידע כי יתרונו כו' אונ זאל וויסן אז זיין השיבות קומט

אום

# שער חשבון הנפש

נופו אך מצד מעלות נפשו כמו שנאמר לדוד (שמואל ב יח) כי עתה כמונו עשרת אלפים אף כי הנשים שיש להן יתרון ביפין כאשר תחכרנה מעלות הנפשות אין יפין נאה ונויין מתגנה כמו שאמר החכם (משלי יא) נזם זהב באף חזיר אשה יפה וסרת טעם ואמר (שם לא) שקר החן והבל היופי. וכפי הכרתך ביתרון נפשך על גופך ראוי לך להשתדל בתקוניה (ס"א להשתכל בתקנותיה) ובהצלתה אצל אדוניה המשקיף על זכותה וקדרותה ושבחה וגנותה ובחירתה בטוב וברע ונטותה עם שכלה ועם תאותה על כן פקוד עניניה תמיד יותר מפקדך ענין גופך, ודע כי גופך יותר קרוב להרפא מן הקשה שבחלאים בשיפול בו מרפואת נפשך ממדוה היצר כשהוא גובר עליה כמו שאמר החכם (שם יח) רוח איש יכלכל מחלהו ורוח נכאה מי ישאנה ואמר (שם ד) מכל משמר נצור לבך:

המשלים השלשים חשבון האדם עם נפשו בתנאי הגרות בעוה"ז ויחשוב מעלתו בו כמעלת אדם נכרי הגיע אל ארץ נכריה ולא הכיר א' מאנשי המדינה

## מרפא לנפש

כנגד רוקן של סנהדרין וכלל בעבור יתרון נפשם כראה כי כל הגופים שוים: מעלות הנפשות ר"ל החכמה ובינה: וסרת טעם וסוכר השכל כמו טעם זקנים יקח: זכותה לשון זך ונקי: רוח איש יכלכל מחלהו כלומר שכל אדם יוכל לכלכל ולתקן מחלת גופו כדי לרפאותו אבל רוח נכאה ר"ל כשמגיע החולי לשכל עצמו מי יבלנה ויכלכלנה ויתקננה. רוח הוא השכל כמו אבן רוח היה בלגוש וכו':

המשלים השלשים לפי שהוסיף החבנון כאן לבאר מהם שלשים פנים שיזכור אותם האדם תמיד וכאן התחלום והאחרון

אים גיט דורך דעם גוף אך מצד מעלות נפשו נאר דורך דר מעלה פון זיין נשמה וויא עס איז גיזאגט געווארין צו דוד המלך כי עתה כמונו עשרת אלפים דעך איצונד ביסטו גלייך אז צעהן טויזנד פון אונז כי אף הנשים שיש להם יתרון דען אפילו אזעלכע ווייבר וואס האבן פארצוג מיט זייער שיינקייט כאשר תחסרנה מעלות הנפשות אז עס גייט זייא נאר אפ די מעלות פון נפש דהיינו זייא זיינן ניט פרום אדר זייא זיינען ניט קלוג אין יפיין נאה איז זייער שיינקייט ניט אנגענעהם ונויין מתגנה אונ זייער שיינקייט ווערט גישענדעט וויא דר חכם שלמה המלך האט גיזאגט אין משלי נזם זהב באף חזיר וויא אגילדערנע נאז באנד אין די נאז פון אחזיר אזו איז אויך אשה יפה וסרת טעם אשיינע פרויא וואס זיא האט ניט קיין פר שטאנד אונ נאך שטייט אין משלי שקר החן והבל היופי דר חן איז פאלש אונ דאס שיינקייט איז נארעש וכפי הכרתך ביתרון נפשך אונ לויט דו פר שטייסט אז דיין נפש איז בעסר פון דיין גוף ראוי לך להשתדל גיהערסטו צו טראכטן אונ צו פלייסן זיך אויף דעם וואס פר איר איז גוט ובהצלתה אונ אין איר בשירמונג פון גיהן כדי זיא זאל קאנען קומען אצל אדוניה צו איר האר המשקיף על זכותה וואס ער לוגט אויף איר ריינקייט וקדרותה אונ אויף איר שווארצקייט ושבחה וגנותה אונ אויף וואס צו איר איז א שבח אדר אשאנד ובחירתה בטוב וברע אונ וויא זיא דר ווילט אויס אין גוטס אדר אין בייז ונטותה עם שכלה אונ אויב זיא נייגט אונ פאלגט איר שכל אדר איר גלוסטיקייט. על כן פקוד עניניה תמיד דרום גידיינק תמיד אירע זאכן יותר מפקדך ענין גופך מער אז איידער דו זאלסט גידיינקן די זאכן פון דיין גוף זאגט דער מחבר ודע אונ דו זאלסט וויסן כי גופך יותר קרוב להתרפא אז דיין גוף קאן גיכער אונ גרינגער גיהיילט ווערן מן הקשה שבחלאים פון די שטארקסטע קראנקהייט וואס ער פאלט דריגן אריין מרפואת נפשך ממדוה היצר קאן ער אלץ גרינגער אונ גיכער גיהיילט ווערין איידר די נשמה קאן גיהיילט ווערין פון די ווייטאג פון דעם יצ"ה רע אז ער האט זיך גישטארקט איבר איר וויא דר חכם שלמה המלך האט גיזאגט אין משלי רוח איש יכלכל מחלהו דר שכל פון דעם מענטשין טוט איבר לייזן זיין קראנקייט ורוח אבר איין צו בראכן גימיט דאס הייסט ווען דר שכל איז קראנק אונ איז פר פירט אין דעם איבר רעדונג פון דעם יצר הרע מי ישאנה ווער קאן עס דר לייזן אונ ווידער פר קערן אונ נאך שטייט דארטן מכל משמר פון אלעמן וואס די תורה האט גיבאטין דו זאלסט דיך היטן נצור לבך היט דר פון דיין הארץ:

המשלים השלשים אונ דר חשבון וואס מיט אים וועט שון זיין דרייסיג חשבונות פר פול איז דאס חשבון האדם עם נפשו דר מענטש זאל רעכין שאפט האלטן מיט זיין נפש בתנאי הגרות בעולם הזה פון וועגן די תנאים וואס אגר דם הייסט אפרעמדר בדארף האלטין ווארום ער איז דאך אויף דר וועלט נאר וויא אפרעמדר ויחשוב מעלתו בו אונ זאל רעכנן זיין מעלה אויף דר וועלט

אונ

שהגיע אליה ולא הי׳ה א׳ מהם יודע בו אלא שאדוני המדינה חמל עליו לגרותו והורהו מה שיתקן עניינו בה ונתן לו מזונו יום יום וצוהו שלא ימרה את פיהו ולא יעבור על מצותו וייחלו והפחידו בגמול ובעונש כפי הראוי לזמן ולמקום והזהירהו על הנסיעה ולא הודיעו העת מן התנאים שהוא חייב בהם הכניעה והשפלות ולעזוב הגאוה ולהתרחק מן הגאון והגובה כמו שאמר בענין הזה (בראשית יט) האחד בא לגור וישפוט שפוט, ומהם שיהיה מזומן לנסיעה ולהעתקה ולא ירגיע ולא תנוח נפשו כמ״ש (ויקרא כה) והארץ לא תמכר לצמיתות וגו׳, ומהם שיחקור על דתי המדינה וחקיה ועל מה שחייבים בו למלך כמ״ש דוד ע״ה (תהלים קיט) גר אנכי בארץ וגו׳, ומהם שיאהב את הגר כמוהו שיסייעהו ויעזרהו כמו

מרפא לנפש

כנכסס אמר שבזה שיזכור האדם כתגלי כגרות כו׳ : וייחלו לשון תוחלת ר״ל שייעדו בגמול והפחידו לענשו והזהירהו על הנסיעה והזכיר הותו ביכה יום במוכנת לנבוע ואינו מודיע לו מתי יהיה הנסיעה : והארץ לא תמכר לצמיתות כי לי הארץ כי גרים ותושבים אתם עמדי : גר אנכי בארץ אל תסתר ממני מצותיך מאחר שאני גר ולא ידעתי במה עוסין רצון

אונ זאָל זיך האַלטן כמעלת אדם נכרי כו׳ וויא איין פרעמדער מענטש וואס ער קומט אין אַפרעמדלאַנד אַריין ולא הכיר אחד מאנשי המדינה אונ האָט ניט געקאַנט אַפילו איין מענטש אין דער גאַנצער מדינה וואס ער איז אַהין געקומען ולא היה אחד מהם יודע בו אונ קיין שום מענטש האָט אים אויך ניט געקאַנט אלא שאדוני המדינה כו׳ נאָר דער האַר פון דער מדינה האָט זיך איבער אים דער בארימט לגרותו פון וועגן זיין פרעמדקייט והורהו מה שיתקן עניינו אונ האָט אים געוויזען וויא אַזוי ער זאָל קאָנען אין דער מדינה אַקוים האָבין ונתן לו מזונו אונ האָט אים אַלע טאָג געגעבין זיין שפייז וצוהו שלא ימרה את פיהו אונ האָט אים אָן געזאָגט ער זאָל ניט ווידער שפעניגן זיין בפעל דהיינו וואס ער הייסט ניט טאָן ולא יעבור על מצותו אונ זאָל ניט עובר זיין אויף זיין געבאָט דהיינו וואס ער הייסט אים יוא טאָן זאָל ער עס מקיים זיין וייחלו והפחידו כו׳ אונ האָט אים געמאַכט האָפין דאָס ער האָט אים צו געזאָגט אַז ער זאָל אים בצאַלין שכר אַז ער וועט אים יוא פאָלגן אונ וועט מקיים זיין זיין געבאָט אונ האָט אים געמאַכט פאַרכטין אַז ער וועט אים שטראָפין אַז ער וועט אים ניט פאָלגין כפי הראוי לזמן ולמקום לויט עס וועט זיך שיקן נאָך דער צייט אונ נאָך דעם אָרט נאָך דעם עס איז פאַר האַנדן אַצייט וואס אַז ער טוט דענמאָלט איין עבירה שטראָפט מען אים ווייניגער דער פאַר דהיינו אַז ער איז נאָך קליין אונ עס איז ווידער פאַר האַנדין איין אָרט וואס דער עונש איז קלענער דהיינו אַז ער טוט איין עבירה וואס עס איז ניט דער ביי קיין הילול השם קיינער זעהט ניט לערינט זיך קיינער פון אים ניט אָפּ איז דער עונש ווייניגער אָבער אַז ער טוט איין עבירה וואס לייט זעהן אונ זייא לערנען זיך אויך אָפּ פון אים איז דער עונש גרעסער והזהירהו על הנסיעה אונ האָט אים געוואָרינט אַז ער וועט מוזין אַוועק ציהן פון דער מדינה ולא הודיעו העת אונ האָט אים ניט מודיע געווען די צייט ווען ער וועט מוזין אַוועק ציהן זאָגט דער מחבר מן התנאים שהוא חייב בהם פון די תנאים וואס ער איז אין זייא מחויב איז דאָס הכניעה והשפלות דאָס אונטער טעניקייט אונ נידריקייט דאָס ער בדאַרף זיין פאַר איטליכן אונטער טעניג אונ נידריג ולעזוב הגאוה אונ זאָל פאַר לאָזין דאָס גדלות ולהתרחק מן הגאון אונ זאָל זיך דער ווייטערן פון העראַשאַפט אונ הויכקייט וויא פון דעם ענין ווערט געזאָגט אין ספר בראשית האחד בא לגור וישפוט שפוט די אנשי סדום האָבין געזאָגט צו לוט איינער קומט אַהער צו וואוינן אונ וויל איין שופט זיין דאָס קומט ניט צוא קיין פרעמדין ומהם אונ נאָך איז פון תנאים וואס דער פרעמדער בדאַרף האַלטין שיהיה מזומן לנסיעה ער בדאַרף תמיד זיין גרייט אַוועק צו ציהן פון דער מדינה ולא ירגיע ולא תנוח נפשו אונ זיין לייב זאָל קיין מאָל ניט גירוהעם זיין וואָרום ער גיהער מורא צו האָבין אַלע מינוט טאָמער וועל איך איצונד בדאַרפן אַוועק ציהן ווי עס שטייט אין ויקרא והארץ לא תמכר לצמיתות וגו׳ אונ די ערד זאָל ניט פאַר קויפט ווערן אויף פאַר פאַלן נאָר אום יובל זאָל דאָס פעלד צוריק גיין צום בעל הבית וואס האָט זיא פאַר קויפט וואָרום איר זייט נאָר גרים ביי מיר ומהם אונ נאָך איז פון די תנאים וואס דער פרעמדער בדאַרף טאָן שיחקור דתי המדינה וחוקיה ער זאָל נאָך פאָרשן אויף די רעכט אונ די געזעץ פון דער מדינה ומה שחייבים בו למלך אונ וואס מען בדאַרף דריגען טאָן צום מלך וויא דוד המלך האָט געזאָגט גר אנכי בארץ איך בין אַפרעמדער אין דעם לאַנד אל תסתר ממני מצותיך בעט איך דיך דו זאָלסט ניט פאַר באָרגן

שכתוב (דברים י) ואהבתם את הגר וגו' ואמר (ויקרא יט) כאזרח מכם יהיה לכם. ומהם שיטהר ויחיש להדבק בעבודת אדוני המדינה מפני שאין לו חומל שיפגע בו בעדו אם יקצר בעבודתו. כי ענינו הפך תשובת השונמית עת ששאל אותה הנביא (מלכים ב ד) היש לדבר לך אל המלך או אל שר הצבא שאמרה בתוך עמי אנכי יושבת כלומר שעמי וממשפחתי ידברו אליו בעבורי בעת הצורך ואינו כן ענין הגר אך כמו שאמר (תהלים קמב) הביט ימין וראה ואין לי מכיר וגו'. ומהם שיסתפק במה שמזדמן לו מן המזון ובמה שימצא לו מדירה ומלבוש ולנהוג בכל ענינו כדי הספוק מבלי טורח, ומהם שיזדמן לנסיעה ולהשוב בצדה לדרך, ומהם שירבה בעיניו המעט מן הטובה ויאריך לשונו בהודאת מי שהטיב לו בה, ומהם שיסבול הרעה אם תבא אליו והנזק אם יגיע אליו משבר רוחו ושפלות נפשו והלישתו מדהותם מעליו. ע"כ קבל על עצמך אחי תנאי הגרות בעוה"ז מפני שאתה בו גר

מרפא לנפש

אדוני המדינה למלך או לשר הצבא וגו': שיפגע בו בעדו שיתפלל בעדו: כדי הספוק מבלי טורח על המותרות. ר"נ:

דיין געבאט פון מיר דאס איך זאל וויסן וואס דיין געבאט איז כדי איך זאל עס מקיים זיין. ומהם שיאהב את הגר כמוהו אונ נאך איז פון דיא זאכין וואס דער פרעמדר בדארף האלטין ער זאל ליב האבין דעם אנדערין וואס איז אויך אזוי וויא ער שיסייעהו אז ער זאל אים העלפין אין זיינ בדערפענס ויעזרהו אונ זאל העלפין אים פון שאדין מציל צו זיין ווי עס שטייט אין דברים ואהבתם את הגר אונ איר זאלט ליב האבין דעם גר ווארום איר זענט אויך געוועזן גרים אונ אין ויקרא שטייט כאזרח מכם יהיה לכם ער זאל ביא אייך זיין וויא איין אלט געזעסענר. ומהם שיטהר אונ נאך געהער דער פרעמדר צו טאן אז ער זאל זיך איילין מיט זיין הארץ ויחיש אונ זאל זיך איילין מיט זיינע אברים להדבק בעבודת כו' זיך צו בהעפטין צו דעם דינסט פון דעם האר פון דער מדינה מפני שאין חומל ווייל ער האט ניט קיין דער באריטר שיפגע בו בעדו ער זאל בעטין דעם מלך פר אים אם יקצר בעבודתו אז ער וועט קירצין אין זיין דינסט ווייל ער האט דאך קיין פריינד ניט ער זאל בעטין פר אים כי ענינו הפך כו' דען זיין שטאנד איז פאר קערט פון דער אשה שונמית וואס זיא דאס געענטפערט עת ששאל הנביא אותה אין דר צייט אז אלישע הנביא הט זיא געפרעגט היש לדבר לך אל המלך או אל שר הצבא דארפסטו עפעס וועלכעס וואס מען בדארף פון דיינט וועגין ריידין ביא דעם מלך אדער צום הויפט מאן שאמרה בתוך עמי אנכי יושבת האט זיא געזאגט צווישין מיין פאלק וואון איך כלומר דער מיט הט זיא גימיינט שעמי וממשפחתי ידברו כו' אז מיין פאלק אונ מיין משפחה וועלין ריידין פון מיינט וועגין צום מלך אז איך וועל נייטיג בדארפין ואיננו כן ענין הגר אבער דר ענין פון א פרעמדין איז ניט אזו נאר ער איז כמו שאמר וויא דוד המלך הט געזאגט אין תהלים הביט ימין וראה ואין לי מכיר איך לוג אויף דר רעכטר זייט אונ זעה אז איך האב ניט קיין פריינט. ומהם אונ נאך איז פאר האנדין פון דיא זאכין וואס א פרעמדר בדארף האלטין שיסתפק במה שמזדמן לו כו' ער זאל זיך בנוגין לאזין מיט וואסערע אשפייז ער קאן קריגין ובמה שימצא לו כו' אונ אויך זאל ער זיך בנוגין לאזין מיט וואסערע אדירה אונ מלבושים ער קאן קריגין ולנהוג בכל ענינו כו' אונ זאל זיך נוהג זיין אין זיינע ענינים נאר וויפל ער בדארף אונ זאל ניט טאן קיין איבעריגע טירחא ער זאל דוקא נאך האבין. ומהם שיזדמן לנסיעה אויך כוז ער זיך גרייט מאכין אוועק צו ציהן ומהם שירבה בעיניו כו' אויך בדארף ביא אים גרויס זיין דאס ביסיל גוטס וואס ער האט גיהאט אין דעם פרעמדין לאנד ויאריך לשונו כו' אונ זאל זייער וואול אונ פיל לויבין דעם וועלכיגין וואס האט אים דיא טובה גיטאן ומהם שיסבול הרעה כו' אונ נאך בדארף דער פרעמדער האלטין אז ער זאל ליידין דאס בייז וואס קומט אויף אים והנזק אם יגיע אליו אדער אז איין שאדין קומט אויף אים זאל ער עס ליידין אונ מקבל זיין באהבה משבר רוחו פון וועגין זיין צוא בראכין גימיט ושפלות נפשו אונ זיין נידריג לייב והלישתו אונ מחמת זיין שלאפקייט פון אוועק צו שטויבין וויא פון זיך. על כן קבל על עצמך אחי דרום מיין ברודר זייא אויף דיר מקבל תנאי הגרות בעולם הזה אויף דער וועלט דיא תנאים וואס א פרעמדר בדארף האלטין מפני שאתה בו גר ווייל דו ביסט

דאך

באמת והראיה על גרותך ויחידותך בו,כי בעת צאתך אל נדר ההויה והרכבתך בבטן אמך אלו היו משתדלים כל בני העולם להקדימך קודם לכן ברגע אחד או לאחרך רגע אחד או לקשור אבר מאבריך בחברו או להתירו או לצייר צורה מצורות אבריך הנסתרים והנראים או להתיר תנועה לאבר כאבריך הנחים או להניח הנע מהם או להחרידך לצאת מבטן אמך קודם עתך הנגזרת לך או לאחרך אחריה כהרף עין או להקל עליך הענין או להקשותו לא היו יכולים לך על זה. וכן אחר יציאתך אל העוה"ז לא היה אדם יכול להגיע מזונך אליך מבלי עזרת האל לך ולא להוסיף בגופך ולא לחסר ממנו, ואלו היית מעלה על לבך כי העולם כולו לך לבדך נשאר מאין יושב לא היה זה מוסיף בטרפך המגיע אותך אל/אחריתך כשיעור חרדל וכן אלו היו נוספים·אנשי העולם כפלים לא היה חסר לך מטרפך הנגזר לך כחרדל ולא פחות ממנו ולא יותר . וכן לא יוכל אחד מן הברואים להועיל לך ולא להזיקך ולא לאחד מהם יכולת להוסיף בימי חייך ולא לפחות מהם וכן לכל מדותיך וטבעך ועלליך הטובים והרעים, אם כן אי זה יחס בינך ובין הברואים או באיזו קורבה אתה קרוב אליהם

דאך באמת נאר איין גר אויף דעם עולם והראיה על גרותך אונ איין ראיה וועסטו האבן אונ דיין פרעמדקייט ויחידותך בו אונ דיין איינזאמקייט אויף דער וועלט אז דו ביסט נאר וויא אנר אויף דער וועלט כי בעת צאתך כו' ווארום אין דר צייט אז דו האסט גיזאלט איין מענטש ווערן והרכבתך בבטן אמך אונ אז דו ביסט צו זאמען גינומען גיווארין אין דיין מוטערס בויך אלו היו משתדלים כו ווען עס זאלין זיך פלייסין אלע מענטשין וואס זיינען אוף דר וועלט זייא זאלין דיך בעפעדערין איין רגע פריער פון דער צייט וואס איז אויף דיר נגזר גיווארין או לאחרך רגע אחד אדר זייא זאלין דיך שפעטיגין אז דו זאלסט שפעטר בשאפין ווערין איין רגע פון דר צייט וואס איז נגזר גווארין או לקשור אבר מאבריך בחברו אדער צוא גויף קניפין פון דיינע אברים איין אבר מיט דעם אנדערין או להתירו אדער אפ צו בינדין איין אבר פון דעם אנדערין או לצייר צורה אדער איין צורה צוא מאכין אין איינע פון דיינע גלידער הנסתרים והנראים פון דיא פאר בארגנע אדר פון דיא גיזעהנע או להתיר תנועה כו' אדער צו מאכין רירין צו איינם פון דיינע גלידער וואס מוזן שטיל שטיין או להניח הנע מהם אדער דיא אברים וואס מוזין רירין זאל ער מאכין שטיל שטיין או להחרידך כו' אדער ער זאל דיך מאכין איילין אז דוא זאלסט ארויס גיין פון דיין מוטערס בויך קודם עתך פאר דער צייט וואס עס איז אויף דיר נגזר גיווארין או לאחרך אחריה אדער ער זאל דיך שפעטיגין איין אוינבליק פון דער צייט או להקל עליך הענין אדער ער זאל אויף דיר דיא זאך גרינגער מאכין אדער שווערר מאכין לא היו יכולים לך על זה וואלטין זיי דאך בוודאי קיין יכולת גיהאט אויף דעם וכן אחר יציאתך כו' אונ אוך אז דו ביסט שוין ארויס גיגאנגען אויף דר וועלט לא היה אדם יכול להגיע כו' וואלט קיין מענטש דיר ניט גיקאנט דיין שפייז געבין מבלי עזרת האל ווען גאט זאל דיר ניט העלפין ולא להוסיף בגופך אונ ניט צו מערין אין דיין גוף ולא לחסר ממנו אונ ניט צו מינערין פון אים ואלו היית מעלה כו' אונ ווען דוא זאלסט דיינקען אין דיין הארץ כי העולם כלו/ אז די גאנצע וועלט זאל בלייבין נאר פאר דיר אליין נשאר מאין יושב עס זאל קיינער ניט וואוינען אין דער וועלט נאר דוא אליין לא היה זה מוסיף בטרפך וואלט דאס דיר ניט גימערט אין דיין שפייז המגיע אותך אל אחריתך וואס גרייכט דיר ביז דיין סוף אזוי פיל וויא איין זעניפט כלומר דאס מינדעסטע וואלט עס ניט גימערט אין דיין שפייז וכן אונ אויך אלו היו נוספים כו' ווען עס וואלט ווערין נאך טאפיל פיל מענטשין אין דר וועלט וויא עס איז היינט לא היה חסר לך מטרפך הנגזר לך כחרדל וואלט דיר ניט חסר גיווארין אפילו אזוי גרויס וויא איין זעניפט פון דיין שפייז וואס איז דיר נגזר גיווארין ולא פחות ממנו ולא יותר אונ אפילו ניט ווייניגר פון אזעלכעס אונ ניט מער וכן לא יוכל אחד מן הברואים כו' אונ אזוי אויך ווערט ניט קאנען אייער פון די בשעפענים צו העלפין דיר ולא להזיקך אונ ניט דיר שאדין קאן ולא לאחד מהם יכולת כו' אונ קיינר פון זייא האט ניט דיא יכולת צו מערין אין דייני לעב טאג ולא לפחות מהם אונ ניט צו ווייניגין פון זייא וכן לכל מדותיך וטבעך אונ אזוי אין אלי דייני מדות אונ אין דייני נאטורין ומעלליך אונ אין דייני ווערקן הטובים והרעים די גוטע אדער

או הם קרובים אליך. האתה בעוה"ז כ"א גר שלא יועילוך רוב אנשיו ולא יזיקוך מיעוטם והאתה בו אלא כיחיד הבודד אשר אין לו צוות כי אם אדוניו ולא חומל עליו כי אם בוראו. על כן התיחד אחי בעבודתו כאשר התיחד בבריאתך והנהגתך וטרפך והייך ומותך ושים תורתו וספרו נוכח עיניך ויחל אל גמולו ופחד מעונשו וקבל תנאי הגר אשר העידותיך עליהם על נפשך כל ימי חייך בעולם הזה תגיע אל נעימות העולם הבא כמו שאמר החכם (משלי כד) כן דעה חכמה לנפשך. ואלה אחי שלשים פנים מאופני חשבון האדם עם נפשו לאלהים יתעלה כשתתחשב עם נפשך עליהם ותתן הדין מעצמך בהם יבקע לך אורם ויקיף אותך זהרם וחשוב בהם תמיד והעלם על לבך כל ימי חייך. ואל יספיק לך מעוט דברי בהם וזכרי אותם בדרך קצרה כי כל ענין מהם כשיתבאר ויתפרש נושא כפלים רבים ממה

מרפא לנפש

האתה בעוה"ז כי אם גר כלומר המיה הוא ותמיה קיימת ר"ל מאחר שאין שום אדם בעולם אפילו קרוביך אינם יכולים להועיל לך בשום דבר שבעולם או להזיק לך הכל ברצון הש"י וכי אין אתה בעוה"ז רק כגר ממש: והאתה בו וכי אין אתה בו: אלא כיחיד הבודד שאין לו צוות ר"ל חבר אלא כו': על כן התיחד אחי כו' ר"ל שתעשה עבודת ה' רק לשמו לבדו בלא שום פנים ומחשבה לדבר אחר כמו שהוא יחיד בהנהגתו אותך: כן דעה חכמה לנפשך אם מצאת ויש אחרית ותקותך לא תכרת פי' כמו שהדבש מתוק לחכך כן דעתך לחכמה שיהיה מתוק לנפשך ועי"ז יהיה לך אחרית טוב ותקותך לא תכרת ממך לעולם: יבקע לך אורם פי' כי מקודם היה אורו גנוז בתוכו ועכשיו כשתתמיד בהם ותחזור בתבונה יבקע לך אורם ויזריח לך. ר"נ: בדרך קצרה כמאמר חז"ל לעולם ישנה אדם לתלמידו בדרך קצרה כדי שלא יהיה עיקר כוונתו להבין הענין רק

בייזע האט אלין קיין מענטש ניט קיין מאכט דריבער אם כן אונ ווייל דאס איז יא אזו איזה יתם וואסער איין שייכות איז צווישן דיר אונ צווישן די בשעפניש או באיזו קורבה כו' אדער מיט וואסער אנאנטקייט ביסטו נאהנט צו זייא או הם קרובים אליך אדער מיט וואס זאגן זייא נאהנט צו דיר האתה בעוה"ז כי אם גר פאר וואר ביסטו דאך אין דעם עולם נאר ווייא אגר שלא יועילוך רוב אנשיו אז פיל לייט קאנען דיר ניט העלפין דאס ווען עס זאלן זיין נאך מער מענטשין אויף דער וועלט קאנען זיי אויך דיר ניט העלפין ולא יזיקוך מיעוטם אונ עס זאלן וויינגער מענטשין זיין קאן דאס דיר ניט שאדין טאן והאתה בו אלא כיחיד הבודד אונ דוא ביסט אין דעם עולם ניט מער נאר ווייא איינער וואס איז גאנץ אליין אשר אין לו צוות וואס ער האט ניט קיין היימליכקייט כי אם אדוניו נאר מיט זיין האר ולא חומל עליו אונ האט ניט קיין דער בארימער אויף אים כי אם בוראו נאר זיין בשעפער. על כן התיחד אחי דרום מיין ברודער פר איינג זיך אין דיין דינסט כלומר דוא זאלסט טאן זיין דינסט נאר פון גאט וועגין אליין כאשר התיחד בבריאתך גלייך ווייא ער איז אליין אין דיין בשאפונג והנהגתך וטרפך אונ אין דיין פירונג אונ אין דיין שפייז והייך ומותך אונ אין דיין לעבין אונ אין דיין טויט ושים תורתו כו' אונ שטעל זיין תורה אונ זיין ספר קעגין דייני אויגן דאס הייסט תורה שבכתב אונ תורה שבעל פה ויחל אל גמולו אונ האף צו זיין שכר ופחד מעונשו אונ פארכט זיך פאר זיין עונש וקבל תנאי הגר אונ נעם אויף דיר די תנאים פון איין גר אשר העידותיך עליהם וואס איך. האב דיר דער וועגן אויף זיי אונ האב דיר פריער געווארנט נעם זייא על נפשך אויף דיין לייב דוא זאלסט זייא מקיים זיין כל ימי חייך בעולם הזה ווייל דוא וועסט לעבין אויף דער וועלט תגיע אל נעימות העולם הבא דען וועסטו גרייכן צו דעם זיסקייט פון עולם הבא וויא דער חכם שלמה המלך האט גיזאגט אין משלי וויא האניג איז זיס צו דיין גומן כן דעה הכמה אזו זאלסטו געבין דיין דעה אויף דער חכמה כדיי עס זאל זיין זיס לנפשך צו דיין לייב אויף עולם הבא. זאגט דער מחבר ואלה אחי שלשים פנים כו' אונ דאס זיינען מיין ברודער די דרייסיג ערלייא גישטאלטן פון די אופנים פון חשבון וואס דער מענטש האט זיך אפ צו רעכנן מיט זיין נפש לאלהים יתעלה פון גאט וועגין גילויבט איז ער כשתתחשב עם נפשך אונ אז דוא וועסט רעכנן שאפט האלטן מיט דיין זייל אויף זייא כלומר אז דוא וועסט זיך זעלבסט בחשבנן אויב דוא האסט דאס אלץ מקיים גיווען ותתן הדין מעצמך אונ דוא וועסט פון דיר זעלבסט געבין דעם דין אויף זייא אויב דוא האסט נקירצט אין דעם אלץ יבקע לך אורם וועט דיר שיינען זייער ליכט (עיין בפי') ויקיף אותך זהרם אונ זייער שיין גלאנץ וועט דיך ארום רינגלן וחשוב בהם תמיד אונ טראכט תמיד אין די דרייסיג חשבונות והעלם על לבך אונ ברייינג זיי אויף דיין הארץ אזו לאנג וואס דוא וועסט לעבין ואל יספיק לך אונ לאז דיר ניט גינוג זיין וואס איך האב ווייניג גירעט

אין

שזכרתי אך הערותי עליהם הערה והזכרתי הדורש אותם הזכרה בדרך קצרה ולא הרביתי בדברים שלא יארך הספר ויצא מדרך כוונתי בו אשר היא להעיר ולהורות ושימם נגד עיניך ונוכח ראותך והשיבם על לבך ומחשבתך אז יראה לך מהם בעת שתשנה אותם מה שלא נראה לך בראשונה מסודות נעלמים ומוסרים רוחניים. ואל תחשוב כשתעיין בהם ותעמוד על הנראה ממלות כי כבר עמדת על כל צפוני עניניהם, כי לא תגיע לזה מהם אלא אחר שתתן מחשבתך עליהם בהריצות וכהשתדלות זמן ארוך ופעמים רבות. והיה מתישר בהם ומישר אליהם תגיע אל הגמול הגדול מאת האלהים כמו שכתוב (דניאל יב) והמשכילים יזהירו כזוהר הרקיע וגו' ואמר החכם (משלי כד) ולמוכיחים ינעם :

**פרק ד** אך תועלת החשבון הנזכר היא התולדה שמילדת הנפש בעמדה על בירור מה

מרפא לנפש

לקבל סמוסר שבתוכו : והיה מתישר בהם והטיב אתם מיוסר בהם בכלשים תבונות הלנה : ומישר אליהם גם את התריס תוכה עמך שיכון נ"כ מלוסרים בתבונות כהלנ. ועיין בשער השכה בפ"ו ממעלת סמוכית לחבירו ומוכס את כרכים כלוכך ·

אין זייא וזכרו אותם בדרך קצרה און וואס איך האב זייא דער מאנט מיט איין קורצן דרך כי כל ענין מהם דען איטליכר ענין פון די חשבונות כשיתבאר ויתפרש כו' אז ער וועט אויס גיקלערט און בשייד ווערין וועט מען קאנן פר שטיין פון אים פיל טאפיל מאל מער פון דעם וואס איך האב גשריבן אך העירותי עליהם און איך האב נאר דער וועקט אויף זייא והזכרתי הדורש אותם און האב דער מאנט מיט איין קורצן וועג דעם זעלבינן וואס ער וויל זייא נאך פארשטין און וועט זייא רעכט בשיידין ולא הרביתי בדברים און האב ניט מאריך גיוועזן דרינן שלא יארך הספר דס דער ספר זאל ניט צו לאנג זיין ויצא מדרך כוונתי בו און עס וועט וועג גיין פון דעם דרך וואס מיין כוונה איז גיוועזן מיט דעם וואס איך האב גישריבן דעם ספר אשר הוא להעיר ולהורות וואס מיין כוונה איז גיוועזן צו דר וועקין און צו לערנן דעם גוטן וועג איז דער צו בעסר מען זאל מקצר זיין און דר פון קאן איטליכר מענטש אליין פר שטיין נאך פיל מער זאכן (עיין בפי') ושימם נגד עיניך און שטעל די זאכן קעגין דייני אויגן ונוכח ראותך און אנטקעגין דיין זעהונג דוא זאלסט תמיד זעהן אין זייא והשיבם אל לבך און נעם זייא אויף דיין הארץ און אויף דיין מחשבה אז יראה לך מהם דענמאלט וועט דיר פון זייא גיוויזן ווערין בעת שתשנה אותם אין דער צייט אז דו וועסט זייא איבר לערנן דאס אנדרי מאל וועסטו דרזים גיוואר ווערן מה שלא נראה לך בראשונה פון אזעלכע פאר בארגינע סודות און פאר שטאנדיגע שטראף רייד וואס איז דיר ניט גיוויזן גיוואָרן אז דוא האסט דאס ערשטי מאל גילערנט ואל תחשוב און דוא זאלסט ניט טראכטן אז דוא וועסט נאר מעיין זיין אין דיא דרייסיג חשבונות ותעמוד על הנראה ממלות און וועסט נאר פר שטיין וואס די ווערטר ווייזן אויס זאלסטו ניט מיינן כי כבר עמדת כו' אז דוא האסט שוין פר שטאנען אלי זייערי פאר בארגעני ענינים כי לא תגיע לזה וואָרום דו וועסט דער צו ניט קומן אז דו זאלסט שוין פר שטיין אלי פר בארגעני סודות פון זייא אלא אחר שתתן מחשבתך עליהם נאר נאך דעם אז דוא וועסט געבין דיין מחשבה אוף זיי מיט איין שארפן פאר שטאנד און מיט פלייסונג זמן ארוך אלאנגע צייט און פיל מאל דרויף צו טראכטין והיה מתיישר בהם און האלט דיך רעכט פארטיג דרינן ומישר אליהם און מאך נאך אנדרע אויך רעכט פארטיג דער צו כלומר דו זאלסט אליין תמיד טראכטן אין דיא דרייסיג חשבונות און פירר אנדרע אויך דער צו תגיע אל הגמול הגדול מאת האלהים דען וועסטו גרייכן דער פאר צו אגרויסן שכר פון גאט וויא עס שטייט אין דניאל והמשכילים און די קלוגי פר שטאנדיגע לייט יזהירו כזוהר הרקיע וועלן לייכטן וויא דער גלאנץ פון דעם הימל און דיא וואס מאכן גירעכט פיל לייט און לערני זייא דעם גוטין וועג וועלן לייכטן וויא דיא שטערין · און דער חכם שלמה המלך האט גיזאגט אין משלי ולמוכיחים ינעם און צו דיא וואס שטראפין לייטין וועט ער געבין זיסקייט :

